# השגחה פרטית

א וועלט פון **אמונה**. א לעבן פון **בטחון**

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייט - דערציילט אויף **דער השגחה פרטית האטליין**

סוכות - ט"ו תשרי תשפ"ז × **עלון 209**

בהשגחה

## דער לולב ווערט געפירט פונעם אייבערשטן

עס קען זיך מיר נישט פארגעסן דעם ברייטן שמייכל פונעם יונגערמאן וואס איז צוגעקומען צו מיר חוה"מ סוכות מיט א געוואלדיגע שמחה, און אויסגערופן מיט התלהבות: "איך האב א ספעציעלע מעשה פון השגחה פרטית!"

איך האב געוואלט הערן וואס ער זאגט, און ער האט מיר דערציילט ענטוזיאסטיש:

"היינט אינמיטן הלל, ווען איך האב געשאקלט די ד' מינים, איז א איד געשטאנען נעבן מיר. מיין שכן'ס לולב האט זיך אנגעקלאפט אין מיינעם, און מיין לולב איז פסול געווארן."

איך האב געווארט צו הערן די המשך פון די מעשה, אבער ס'איז נישט אנגעקומען...

דער יונגערמאן זאגט מיר: "קוק נאר וואס פאר א ספעציעלע השגחה דער אייבערשטער ווייזט מיר. דער לולב איז געווען באשערט פאר מיר אויף די ערשטע צוויי טעג יום טוב. יעצט איז דא א צווייטע לולב וואס ווארט איך זאל עס שאקלען. דער אייבערשטער האט מיר געשיקט א גוטן שליח צו אפ'פסל'ן דעם ערשטן לולב, כדי איך זאל גיין קויפן דעם לולב וואס איך דארף באמת שאקלען."

ביים סוף פון די הושענות זאגט מען דעם פסוק: "למען דעת.... אין עוד".

עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים אז דאס גאנצע ענין פון נענועים איז צוליב דעם פסוק; אלעס איז כדי צו וויסן אז דער באשעפער אליין פירט די וועלט, "אין עוד מלבדו" - אן קיין שום שותפים.

דאס איז די סיבה פארוואס מיר שאקלען דעם לולב צו אלע זייטן, אריינצונעמען אין זיך די הכרה אז דער אייבערשטער קוקט זיך אום אויף אלע עקן וועלט, און אלעס וואס פאסירט ווערט געפירט בלויז דורך אים אליינס.

דער איד וואס האט דערציילט די מעשה האט געלעבט מיט'ן געפיל פון "אין עוד מלבדו" כפשוטו. אז מיין לולב איז פסול געווארן, מיינט עס אז דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף מיר, און ס'איז זיכער דא דא עפעס א סיבה פארוואס דאס איז דאס בעסטע פאר מיר.

דאס איז דער גאנצער תכלית פון דעם יום טוב סוכות.

**א פרייליכן יום טוב, פינחס שאפער**

השגחה עליונה

סיפורי אמונה וביטחון מצדיקי הדורות זי"ע

## לולבים פון הימל

א דערהויבענע יום-טוב'דיגע אטמאספערע האט ארומגענומען די גאסן פון ירושלים של מעלה. דאס קלאפעריי פון די סוכה-בויערס האט זיך אויסגעמישט מיט די קולות פון די אינגאלאך וואס פארקויפן קוישיקלאך. די הויפן ווערן איבערגעפילט מיט גרויסע און שיינע סוכות, איבערלאזנדיג נאר שמאלע, געדרייטע וועגן פאר די דורכגייער.

די גרויסע 'שוקי ד' מינים' זענען פארנומען: שוק הבוכרים, מחנה יהודה, מאה שערים, און די גרויסע יריד אין ככר זופניק - אלע זענען פול מיט פילע און הויך-קוואליטעט סחורה. פרישע און שפיציגע לולבים, ריינע און הערליך-געוואקסענע אתרוגים, הדסים משולשים, און ריזיגע עמערס פרישע ערבות.

ערליכע אידן זענען געלאפן פון איין טיש צום צווייטן, מיט פרייד באצאלט מען דאס געלט מיט א שמחה של מצוה, האפנדיג צו קויפן די שענסטע מינים מקיים צו זיין דעם באפעל פון השי"ת מיט הידור און פראכט.

אויף רחוב דון יוסף, איז געזעסן אין זיין היים דער באקאנטער ירושלים'ער צדיק, רבי אשר פריינד. אין עטליכע שעה ארום וועט זיך אנהייבן דער הייליגער יום טוב סוכות, און טויזנטער אידן איבעראל וועלן אריינגיין אין זייער צייטווייליגער דירה, די סוכת שלום.

א רואיגקייט האט גערוט אויף רבי אשר'ס שיינעדיגע פנים. שמחה און גליק האבן געפינקלט אין זיינע גוטע אויגן. קיינער וואלט נישט געקענט גלייבן אז רבי אשר האט נאך נישט קיין לולב צו שאקלען פארן קומענדיגן יום טוב. רבי אשר, ווי זיין שטייגער, מיט זיין פעסטע ביטחון, האט שטענדיג באקומען אלעס וואס ער דארף פון הימל אין די ריכטיגע צייט, אמאל אפילו אין די לעצטע מינוט. דען דאגה האט קיינמאל נישט געוואוינט אונטער רבי אשר'ס דאך, זייענדיג א עמוד האמונה.

רבי אשר פלעגט כסדר לערנען מיט זיינע תלמידים און די וואס זענען געקומען פאר א עצה: "וואס א איד דארף, באקומט ער! אלעס וואס א איד דארף, שיקט אים דער באשעפער דירעקט צו אים! מען דארף לעבן מיט אמונה; עס איז נישטא וואס מורא צו האבן אדער זיך צו זארגן..." רבי אשר האט אויך געלערנט: "מיר מוזן זיך אינגאנצן פארלאזן נאר אויף השי"ת. דעם באשעפער פעלט נישט קיין געלט און נישט קיין אנדערע זאכן. ווען א מענטש לעבט מיט אמונה און איז נישט פארזונקען אין די נאטור, זעט מען גרויסע סייעתא דשמיא."

די שעה'ן זענען דורכגעלאפן. חצות היום איז שוין אריבער. דער לולב איז נאך אלץ נישט געווען צו געפינען, דאך איז רבי אשר געבליבן רואיג, פריילִיך, און מיט בטחון אין זיין גאט. עס איז געווען גאר שווער צו גלייבן אז מען קען נאך יעצט קויפן א לולב, און נאך שווערער צי גלייבן אז עס זענען נאך בכלל פארבליבן שיינע לולבים. אבער רבי אשר האט זיך פארלאזט אויף זיין פאטער אין הימל.

"לאמיר גיין קיין הר ציון, צום ציון פון דוד המלך!" האט רבי אשר גערופן זיין איידעם, רבי שמואל קליערס, און די צוויי זענען ארויסגעגאנגען.

רבי שמואל האט זיך געוואונדערט: יעצט, ערב סוכות, גיין צום ציון פון דוד המלך?! רבי אשר דארף דאך נאך דריי לולבים, און ער האט נאך אפילו נישט קיין איין...

אבער אויף רבי אשר פרעגט מען נישט קיין קשיות. ער האט געהאט זיינע אייגענע וועגן און שטעגן פון

<<<

## וואס מ'טוט [וויל טון] טוט מען פאר זיך

"וואס מאכסטו, דו בויסט שוין די סוכה?" האט איך געפרעגט מיין חבר, א יונגער כולל יונגערמאן, א טאטע פון קליינע קינדער.

"יא," האט ער מיר געענטפערט, "אבער מיינע קינדער זענען נאך אביסל צו קליין מיר צו העלפן."

"וואס? דו בויעסט די סוכה אליין?" האב איך אים געפרעגט. "איך קום דיר העלפן! לאמיר אפמאכן אויף היינט 3:15 נאכמיטאג."

ער האט געטראכט א רגע, און מסכים געווען מיט פרייד. דעמאלט האב איך נאכנישט געכאפט ווי דרינגענד ער דארף די הילף, אזש ער האט גאר געקענסלט אנדערע פלענער כדי איך זאל קענען קומען אים העלפן בויען די סוכה!

איך האב געכאפט א מיטאג דרימל, און ווען איך בין אויפגעשטאנען, האב איך געעפנט די פריזער צו נעמען עפעס צו עסן. איך האב דארט געפונען פארפרוירענע קעיק, איך געמאכט א ברכה, און אריינגעביסן. די קעיק איז אבער געווען פארפרוירן הארט ווי א שטיין, און אנשטאט איך זאל עסן די קעיק, האט די קעיק מיר "געגעסן"... מיין פאדערשטע ציין האט זיך איינגאנצן צובראכן.

דאס איז נישט נאר געווען ווייטאגליך, נאר עס איז געווען ממש אוממעגליך ארויסצוגיין צווישן מענטשן אזוי. איך האב דרינגענד געדארפט א דענטיסט! איך האב גלייך גערופן די קליניק צו מאכן אן אפוינטמענט, אבער ווי געווענליך, איז די ערשטע אוועילעבל אפוינטמענט געווען ערשט אין דריי חדשים ארום.

"איך קען נישט ווארטן אזוי לאנג!" האב איך געשריגן פאר שמערצן. "איר האט גארנישט פריער?"

האט די סעקרעטארין געענטפערט: "אייגנטליך, יא. אויב דו קענסט דא זיין אין צען מינוט. פונקט יעצט האט איינער געקענסלט אן אפוינטמענט."

איך האב גלייך באשטעטיגט אז איך קום און געדאנקט דעם באשעפער. אויפן וועג צום דענטיסט האב איך גערופן מיין חבר און זיך זייער אנטשולדיגט ערקלערנדיג אז איך מוז דרינגענד גיין צום דענטיסט, און צוגעזאגט אז בעזרת השם וועל איך אים קומען העלפן בויען די סוכה היינט אוונט.

דער דענטיסט איז געווען א גוטער שליח און האט פאררעכטן די ציין, האפנדיג אז עס וועט זיך האלטן ביז מען וועט עס קענען געהעריג באהאנדלען. ביינאכט, ווען איך בין געקומען אים העלפן בויען די סוכה, האב איך דערציילט די גאנצע מעשה פאר מיין חבר.

"ווייסטו ווער עס האט געקענסלט די אפוינטמענט און פריי געמאכט די צייט פאר דיר?" האט מיין חבר געפרעגט מיט א שמייכל. "דאס בין איך געווען! איך האב אפגעזאגט מיין אפוינטמענט כדי מיר זאלן קענען בויען די סוכה, און א דאנק דעם האסטו באקומען דיין קריטישע הילף."

איך בין געווען געפלעפט. דער רבונו של עולם האט מקדים געווען רפואה למכה, דורך דעם חסד וואס איך האב געוואלט טון מיט יענעם!

עס איז אזוי אינספירירנד צו זען נאכאמאל די פשוט'ע פאקט: ווען א מענטש טוט פאר א צווייטן, טוט ער באמת פאר זיך אליין.

## א מעטער אפגערוקט

**ר' יצחק אייזיק בערלינסקי פון בני ברק דערציילט:**

פונקט ווי יעדעס יאר פאר סוכות, האב איך אויפגעבויט מיין סוכה, אויפן זעלבן פלאץ וואו איך בוי עס שוין פאר יארן לאנג.

די סוכה איז שוין געשטאנען פארטיג, ווען א שכן פונעם דערנעבנדיגן בנין האט זיך אנגערוקט, און ער הייבט געוואלדעווען: "וואס טוסטו דא?! דו האסט אויפגעבויט די סוכה אויף אונזער בנין'ס שטח!"

איך האב געבויט די סוכה פונקט צווישן ביידע בנינים, נענטער צו מיין זייט. דאס איז א שטח וואס ביידע נוצן, און נאכמער, אויב מען וואלט ארויסגעבויט מיין בנין, וואלט מען געבויט פונקט אויף דעם שטח. ביז היינט האט קיינער קיינמאל נישט געזאגט קיין ווארט וועגן מיין סוכה.

"דו רוקסט זיך אריין אין א פרעמדע טעריטאריע!" האט דער שכן ווייטער געשריגן, און צוגעלייגט זיין אייגענעם פסק הלכה: "דאס איז א סוכה גזולה. דו ביסט נישט יוצא די מצוה!"

איך האב אים פרובירט מסביר צו זיין אז די סוכה איז נישט געגנב'עט, און דער שטח איז נאנט צו מיין בנין. אבער דער שכן האלט זיך ביי זיינס, און ער האט פארלאנגט אז מיר זאלן גיין צו א דין תורה.

מיר זענען געגאנגען צום רב. דער רב האט אויסגעהערט ביידע

## <<< המשך השגחה עליונה

ביטחון און אמונה.

די צוויי זענען אנגעקומען צום ציון פון דוד המלך, און רבי אשר האט זיך געשעטעלט זאגן גאנץ תהלים מיט גרויס דביקות, פון אנהייב ביזן סוף.

דער ציון פון דוד המלך איז געווען זייער טייער ביי דעם צדיק רבי אשר. אומצאליגע מאל פלעגט ער באזוכן דעם ארט און אויסגיסן זיין הארץ דארט. אפילו ביי די חתונה פון זיין עלטסטע טאכטער, האט ער איבערגעלאזט די ארבעט פון אויפנעמען די געסט פאר זיידן, זיין פאטער רבי אריה מרדכי, בשעת ער אליין איז נעלם געווארן גלייך נאך די חופה און איז געגאנגען זאגן תהלים פאר א לאנגע צייט, מיט טייכן טרערן, ביים ציון פון דוד המלך. ער האט אויך געהאט א מנהג יעדן פרייטאג צו באזוכן דעם ציון און ענדיגן גאנץ תהלים, און דערנאך אנצינדן א ליכט וואס זאל ברענען אויפן ציון א גאנצע שבת.

רבי אשר האט געענדיגט זיין תפילה, איז ארויס פון דעם בנין, זיך געווענדן צום בארג, און אנגעהויבן צו גיין און ארומזוכן. פלוצלינג איז ער צוגעגאנגען צו א נידריגן טייטלבוים, וואס מען האט קיינמאל פריער נישט געזען אויף יענעם פלאץ. רבי אשר האט אנגעהויבן זוכן צווישן די צווייגן, און אין עטליכע מינוט האט ער געפינען דריי כשר'ע און הערליכע לולבים מיט פארמאכטע קעפ צווישן זיי. עס האט אויסגעזען ווי דער בוים ווארט שוין אויף רבי אשר זינט די ששת ימי בראשית... און רבי אשר, מיט א פשטות און אן קיין שום צייכן פון וואונדער אויפן פנים, האט אפגעשניטן די לולבים און איז אהיימגעגאנגען. ווייל די גאנצע צייט איז אים געווען קלאר און פשוט אז דער באשעפער וועט אים זיכער שיקן לולבים אויף סוכות.

זייטן, ער האט אויך פארשטאנען דעם כאראקטער פון יעדן איינעם... און צום סוף האט ער מיר געזאגט: "דו ביסט טאקע גערעכט; דיין סוכה איז כשר לכתחילה און דו האסט גארנישט געגנב'עט פון קיינעם. אבער, אויב דו ווילסט הערן מיין עצה, איז בעסער פאר דיר נאכצוגעבן. מען פארלירט קיינמאל נישט פון נאכגעבן."

עס איז מיר נישט געווען גרינג, אבער עס האט אויסגעזען אז דער רב האט געוויסט פון וועמען ער קען בעטן נאכצוגעבן. איך האב געזאגט פאר מיינע קינדער: "מיינע טייערע קינדער, מיר גייען יעצט טון א גרויסע מצוה, און צוליב שלום גייען מיר אריבעררוקן די סוכה צו די אנדערע זייט פונעם בנין."

מיר האבן צונומען די סוכה מיט גרויס מיה און פלאג, אריבערגעפירט די ברעטער און די ווענט צו אן אנדערע פלאץ וואס קיינער וועט זיך נישט קריגן דערויף, און מיר האבן עס דארט צוריק אויפגעבויט. טראץ די גאנצע הארעוואניע און טירחא, האב איך געפילט א געוואלדיגע הנאה. מנצח זיין דעם יצר הרע און נאכגעבן פאר א צווייטן האט א זיסן טעם, און איך האב פרובירט צו בלייבן מיט דעם טעם, אפילו ווען איך האב שפעטער אויסגעפינען אז למעשה האט נישט דער שכן וואס האט פארלאנגט מיר עס צו אוועקנעמען געבויט דארט זיין סוכה, נאר אן אנדערער שכן פון א דערנעבנדיגע בנין.

דאס האט מיר דערמאנט די מעשה פונעם חפץ חיים זצ"ל, ווען ער איז שוין געווען אכציג יאר אלט, האט זיין צווייטע רעבעצין אים געזאגט אז די סוכה שטייט נישט אויף א גוטע פלאץ און מען דארף עס רוקן. נאכדעם וואס דער חפץ חיים האט עס אויפגעבויט אויף אן אנדערע פלאץ, האט זי חרטה געהאט, און ער האט עס נאכאמאל צונומען און צוריקגעבויט אויפן אלטן פלאץ. פארשטייט זיך אליין אז איך בין נישט אויף די מדרגה פונעם חפץ חיים, אבער די מעשה האט מיר און מיין משפחה שטארק מחזק געווען. מיר זענען געווען פרייליך אריינצוגיין אין יום טוב מיט די געהויבענע געפילן פון נאכגעבן און מוותר זיין.

וואס עס האט פאסירט נאכדעם, דעם דריטן טאג סוכות, איז עפעס וואס מען זאגט דערויף אז "די מציאות איז שטערקער פון יעדע פאנטאזיע." עס איז געווארן א פארשטאפונג אין דער צענטראלער סוער-פייפ (ביוב) פון געגנט, און עס האט אנגעהויבן איבערלויפן. די גרוב פון די אפפאל-וואסערן געפינט זיך פונקט איין מעטער ווייט פון דארט וואו איך האב לכתחילה געבויט די סוכה. די סוכה וואס איז דארט געשטאנען איז ליידער געווארן געפערליך געשעדיגט. די שמוציגע וואסערן האבן אינגאנצן פארפלייצט און פאר'מיאוס'ט די סוכה, און אפילו נאכדעם וואס מען האט שוין פאראכטן די פראבלעם, איז די גערוך געבליבן אזוי שטארק אז מען האט שוין דעם גאנצן יום טוב נישט געקענט זיצן דארט.

מיר, זענען בסייעתא דשמייא ווייטער געזעסן אין אונזער באקוועמע סוכה וואס איז געשטאנען ווייט אוועק, וואס כאטש מיר האבן עס געבויט צוויי מאל, איז עס אבער געשטאנען פעסט, ריין און געשמאק. אן קיין שפור פון שמוץ, אן קיין שום עגמת נפש. וואויל איז פאר דעם וואס גיט נאך, אזוי פירט מען זיך אויך מיט אים פון אויבן.

<<<



הרה"ח ר' יהודה מאנדל שליט"א

## טאנצן פארן מלך

ווען מיר טאנצן ביי שמחת בית השואבה, דארפן מיר געדענקען די ווערטער פונעם רמב"ם אין הלכות לולב (פרק ח' הלכה ט"ו), אז מיר דארפן זיך פרייען מיט דער מצוה אליין און זיין בשמחה מיט די ליבשאפט וואס דער באשעפער ווייזט אונז. דאס איז די עבודה פון די דאזיגע טעג.

ווען א איד פריידט זיך און טאנצט לכבוד הקדוש ברוך הוא - דאס איז דער ריכטיגער כבוד, אזוי ווי מיר לערנען ארויס פון דוד המלך. די הויפט פסוקי דזמרה וואס מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען זענען געשריבן געווארן דורך דוד המלך, דער נעים זמירות ישראל. מיר לערנען אויך ארויס דעם ענין פון טאנצן פון אים: ווען דוד המלך האט געטאנצט לכבוד דעם ארון הברית, האט ער אינגאנצן אוועקגעקוקט פון זיין אייגענעם כבוד המלכות. זיין ווייב, מיכל בת שאול, איז נישט געווען געוואוינט צו אזא התנהגות פון איר טאטנס הויז, און זי האט אים מוסר געזאגט דערויף.

געווענליך האט דוד המלך זייער מכבד געווען זיין שווער, ער פלעגט אים אפילו רופן "משיח ה'"; אבער ווען עס איז געקומען צו א זאך וואס האט אנגערירט כבוד שמים - איז דוד המלך געווען זייער שארף. "שאול האט אכטונג געגעבן אויף זיין כבוד," האט ער געזאגט, "אבער איך קוק נישט אויף מיין כבוד כדי צו מכבד זיין דעם אויבערשטן! און דאס איז דער טעם פאר וואס דער באשעפער האט מיר אויסגעוועלט און נישט אין דיין טאטנס הויז!"

לויט דעם מלבי"ם, איז א ספעציעלע חיוב פאר א מלך אוועקצוקוקן פון זיין כבוד און זיך פרייען פארן אייבערשטן, כדי צו זיין נאך מער בטל און עניו! ווער עס איז נישט קיין 'תלמיד' פון דוד המלך אין דעם ענין און ער טאנצט נישט און פריידט זיך נישט לכבוד השי"ת, ווערט פארערכנט אלס א בעל גאוה, א זינדיגער און א טיפש, און ער קען נאך באשטראפט ווערן פאר דעם.

דעריבער, לכבוד דעם באשעפער, וועלן מיר טאנצן מיט אלע כוחות, אפילו אויב עס זעט אויס ווי מיר זענען זיך משפיל. לויט ווי עס ווערט געברענגט אין שמואל ב' (פרקים ו'-ז'), און לויט די סמיכות הפרשיות, קען מען ארויסלערנען אז דוד המלך'ס גאנצע עבודה אין זיין לעבן איז געווען צו פארמערן כבוד שמים. ער האט קיינמאל נישט געזוכט זיין אייגענעם כבוד אנשטאט דעם כבוד פונעם אויבערשטן, נאר פונקט פאקערט.

זאלן מיר אויך זוכה זיין אויסצונוצן די דאזיגע גרויסע טעג, צו שפרינגען און טאנצן מיט אלע כוחות פארן מלך מלכי המלכים, און צו פארמערן דעם כבוד שמים.

## ⁎ די ערבות האבן אים גערופן ⁎

**א איד פון בית שמש דערציילט:**

ערב סוכות שפעט נאכמיטאג. אלעס איז גרייט. די סוכה שטייט שוין באצירט. דאס הויז גלאנצט, און פון קיך פארשפרייט זיך אן אנגענעמען גערוך. אינדרויסן פון הויז האט זיך געטון לעבעדיג; מיר וואוינען אויפן אונטערשטן שטאק און מיר האבן אן ערבות בוים אין חצר, און יעצט איז געווען די צייט ווען מענטשן קומען שניידן ערבות פאר די ד' מינים.

איך בין אריין אין קיך און פלוצלינג באמערקט אז ס'גיסט וואסער. "וואו איז דאס? האט איינער פארגעסן ארויסצולאזן דאס וואסער נאכן שפאנדזשען?" האב איך געפרעגט.

"איך גלייב נישט!" האט מיין ווייב געענטפערט. "עס איז געווען אינגאנצן טרוקן דא פאר א מינוט צוריק."

איך האב באמערקט אז דאס וואסער קומט פון ריכטונג פונעם פרידזשידער. איך האב געעפנט דעם פרידזשידער און געזען אז אינעווייניג איז טרוקן, אבער ווען איך האב עס אוועקגערוקט האב איך געפונען דעם פראבלעם: די הייס-וואסער רער וואס קומט פונעם בוילער האט געטראפט.

עס איז שוין געווען גאנץ שפעט; וואו טרעפט מען יעצט א פלאמבער? ווער וועט בכלל אויפהויבן דעם טעלעפאן, און אפילו אויב יא, וואס זענען די אויסזיכטן אז ער וועט וועלן קומען? איך בין געשטאנען הילפלאז, און מיינע אויגן זענען געפאלן אויפן הויף. דאס איז געווען דער 'סעזאן' פאר מיין ערבות בוים. מענטשן פון דער גאנצער געגנט זענען געקומען און געשניטן, געקומען און געגאנגען. איך האב אזוי הנאה געהאט פון דעם שיינעם בילד. עס האט זיך געלוינט די ארבעט פון די גאנצע יאר נאר פאר די מאמענטן.

איך בין ארויסגעגאנגען צו זיי און געפרעגט איינעם, וועמען איך האב בכלל נישט געקענט: "אפשר ווייסטו פון עפעס א פלאמבער? איך דארף דרינגענד!"

"איך בין א פלאמבער!" האט ער מיר איבערראשט מיט זיין ענטפער. "וואס איז די פראבלעם?"

איך האב אים דערציילט וועגן די געפלאצטע רער, און ער האט גלייך געענטפערט: "ווארט א רגע. מיין קאר שטייט דא אינדרויסן; איך וועל ברענגען מיינע כלים און עס גלייך פאררעכטן."

ער איז אריינגעקומען, געמאכט א געשיקטע און ריינע ארבעט, און געראטעוועט די מצב. דער באשעפער האט אים ברוך השם געשיקט צו מיר אין די ריכטיגע מינוט, אין זכות פון די מצוה פון ד' מינים וואס איך האב אים געהאלפן מקיים זיין.

## ⁎ א וויכטיגע צייטווייליגע שטעלע ⁎

**הרה"ג רבי א.ה. פון בני ברק דערציילט:**

מיין טאכטער האט געענדיגט סעמינאר. איין טאג זאגט זי מיר אז מען האט איר אנגעבאטן צו זיין א שטעל-פארטרעטערין (סובסטיטוט) פאר עטליכע טעג אין א שולע אין ביתר.

"און וואס האלטסטו?" האב איך איר געפרעגט.

"איך ווייס נישט וואס צו זאגן, ווייל די וועג איז זייער לאנג, און ס'איז נאר פאר אפאר טעג, און פאר די מינימום ווערדזש."

איך האב איר געזאגט: "דו האסט דאך יעצט סיווי נישט קיין ארבעט, און זיי דארפן א סובסטיטוט, וועט עס זיין א גרויסע חסד פאר זיי. איך האלט דו זאלסט אננעמען די דזשאב."

צוריקקוקנדיג, זע איך אז עס איז געווען אומלאגיש. ווען מיר וואלטן געוואוינט אין ירושלים וואלט עס נאך געהאט א פשט צו פארן קיין ביתר פאר אפאר טעג; אבער פון בני ברק איז עס פיל ווייטער, און די וועג איז לאנג און געדרייט. אבער איך האב אזוי געענטפערט ווייל דאס האב איך געשפירט אין יענע מינוט. מיין טאכטער האט מיר געפאלגט, און איז געפארן צום שולע אין ביתר.

שוין אויפן ערשטן טאג איז זי געפאלן פאר די מנהלת, וואס האט איר געפרעגט צי זי איז אין שידוכים. מיין טאכטער האט געענטפערט: "איך האב נאך אן עלטערע שוועסטער, און מיר זוכן יעצט א שידוך פאר איר."

די מנהלת האט פארצייכנט אלע דעטאלן און באשלאסן אדורכצוטון די זאך. נישט מער ווי א פאר וואכן שפעטער, איז אונזער עלטסטע טאכטער געווארן א כלה!

מיט גרויס התרגשות און טיפע דאנקבארקייט צום בורא כל עולמים, האבן מיר זיך דערמאנט אין די וואונדערליכע השגחה פרטית, און ערשט דעמאלט האב איך פארשטאנען אז דאס איז געווען א פלאן פונעם אייבערשטן צו שיקן מיין טאכטער קיין ביתר, כדי די מנהלת זאל זיך באקענען מיט איר און פונעם דאזיגן שריט זאל דער שידוך קומען צום גליקליכן אויספיר, בשעה טובה ומצלחת.

## ⁎ אלעס איז מסודר ⁎

**ש. ה. פון בית שמש דערציילט:**

אין בית המדרש האב איך אמאל באגעגנט דעם שכן'ס אינגל. איך האב באמערקט אז ער קומט אליין, אן זיין טאטע, און אמאל ברענגט ער מיט זיך נאך איין אדער צוויי געשוויסטער. שפעטער האב איך זיך דערוואוסט די געשיכטע פון די משפחה: די מאמע האט אליין אויפגעצויגן די קינדער טועדיג אלעס אין דער וועלט צו העלפן דורכשטופן זייער שווערע לעבן.

איך האב געפרעגט דאס קינד וואו ער לערנט, און ער האט מיר געזאגט אז ער גייט אין א געוויסע חדר. "אבער", האט ער צוגעגעבן, "איך ווייס נישט וועגן מיין ברודער. דערווייל האבן מיר נישט קיין אנונג אין וועלכע חדר ער וועט גיין." ער האט גערעדט מיט אן ערנסטקייט וואס האט נישט געפאסט פאר זיין עלטער, ער האט זיך געזארגט פאר זיין ברודער ווי א קליינע טאטע'לע. איך האב אים געזאגט: "איך וועל בעזרת השם פרובירן צו העלפן," איך האב טאקע אזוי געטאן. איך האב זיך נאכגעפרעגט, געגעבן עצות, און אריינגעלייגט א גוט ווארט ווי עס פעלט זיך אויס. ברוך השם מיין ארבעט האט געברענגט די געוואונטשענע תוצאות און די קינדער זענען אנגענומען געווארן אין אויסגעצייכנטע מוסדות.

ווען דער עלטסטער איז געגאנגען אין ישיבה קטנה, האב איך אים נאכאמאל געפרעגט וואס זיין פלאן איז. איך האב נישט געהאט קיין שום אפיציעלע פאזיציע, אבער די מאמע האט שוין געוואוסט אז ווען זי דערציילט פאר מיין פרוי וועגן א שוועריגקייט, וועט עס נישט בלייבן נאר ביים אויסהערן און מיטפילן; מיר וועלן טאקע פרובירן צו העלפן, און אפשר - בסייעתא דשמיא - אויך מצליח זיין.

מיט דער צייט איז די משפחה אריבער וואוינען קיין אויסלאנד, און מיר האבן מער נישט געהאט קיין קאנטאקט מיט זיי. מיר האבן געהערט אז די מאמע האט נאכאמאל חתונה געהאט און די משפחה האט זיך ענדליך געשטעלט אויף די פיס.

בערך צען יאר צוריק איז מיין טאכטער קראנק געווארן, און צום גרויס באדויער האט זי געמוזט אדורכגיין אן אפעראציע אין וואשינגטאן. מיר זענען אלע אהין געפארן - איך מיט מיין ווייב, איידעם און זייער קליין טאכטערל - כדי צו זיין מיט אונזער טאכטער ביי די אפעראציע און באהאנדלונגען, ביז זי וועט בעזרת השם צוריקקומען צו די כוחות. מיר זענען איינגעשטאנען אין מאנסי ביי ווארילע אידן, אן עלטערע פארפאלק וואס האט שוין נישט געהאט קיין קליינע קינדער אינדערהיים. אונזער קליין אייניקל איז געגאנגען אין א לאקאלע פלעיגרופ און די עלטערן פון אירע חבר'טעס פלעגן איר צומאל איינלאדענען צו זיך אהיים.

א פאר טעג נאך די גרויסע אפעראציע אין וואשינגטאן, האט מיין טאכטער אנגעהויבן פילן שרעקליכע יסורים. זי האט שטארק געליטן, און נאך א שנעלע אונטערזוכונג האט מען באשלאסן אז מען מוז איר שוין פירן אין שפיטאל. צוערשט האב איך פרובירט צו ארגאניזירן א שנעלע פליגער-טרענספער, אבער ווען דאס איז נישט געגאנגען, האב איך אפילו נישט געווארט אויף קיין אמבולאנס. איך האב אריינגעלייגט א מאטראץ אין מיין קאר, און מיר זענען "געפלויגן" צום שפיטאל. מיין איידעם איז מיטגעפארן מיט אונז.

מיין ווייב און אונזער קליין אייניקל זענען געבליבן ביי די מענטשן וואו מיר זענען איינגעשטאנען. זיי זענען אבער געווען עלטערע לייט וואס האבן נישט געקענט פארברענגען מיט א קליין קינד, בפרט אז זי האט נישט געקענט קיין ענגליש. פלוצלינג האט די באלעבאסטע זיך דערמאנט אז א היימישע משפחה פון ארץ ישראל, וואס האט זיך אהערגעצויגן מיט עטליכע יאר צוריק, וואוינט פונקט נעבן איר. זיי האבן א גרויסע משפחה, קינדער אין די זעלבע יארן, פלאץ און אסאך שפילצייג. אונזער אייניקל וועט זיך זיכער פילן היימיש דארט.

די באלעבאסטע האט אנגערופן איר שכנה און מסביר געווען אז א משפחה פון בית שמש שטייט איין ביי איר, און יעצט האט מען אפגעפירט די מאמע אין שפיטאל. זי האט געפרעגט צי זיי קענען אריינעמען דאס קליין מיידל מיט די באבע.

"א משפחה פון בית שמש? אינטערעסאנט. וויאזוי הייסן זיי?"

די באלעבאסטע האט איר געזאגט דעם נאמען, און די שכנה איז אינגאנצן צעטרייסלט געווארן. "פאר זיי וועל איך אלעס טאן!"

די פרוי איז געווען די געוועזענע שכנה וואס איך האב געהאלפן מיט די מוסדות פאר אירע קינדער. פון יענעם טאג און ווייטער האט זי גענומען אונזער אייניקל ווי אן אייגן קינד און זיך אפגעגעבן מיט מיין טאכטער מיט אלעס וואס זי האט נאר געקענט. דאס איז געווען א געוואלדיגע הילף פאר די גאנצע משפחה. זיי זענען געווען ממש שליחים מן השמים וואס האבן אונז באגלייט אין אונזער גלות אין מאנסי.

אלזא, יארן צוריק האב איך געמיינט אז איך העלף איר, אבער איך האב נישט געוואוסט אז באמת גרייט איך מיר אן א וועג פאר אונזערע שווערע צייטן ווען מיר וועלן זיין ווייט פון דער היים.

האט איר זוכה געווען צו זען א מעשה פון השגחה פרטית?

**רופט אריין צו קו השגחה פרטית: 1-518-613-0140 דריקט 3 און דערנאך 0**

**אדער שיקט אן אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com**

## בסוד ישרים ועדה

**בריוון צו די מערכת**

**צום וואונדערליכן גליון "השגחה פרטית" שלום וברכה.**

איך וויל מיטטיילן מיט אייך, דורך דעם פלאטפארמע, א מעשה וואס האט איבערגעלאזט א טיפן רושם אויף מיר.

איך בין געווען אויף א געמיינזאמע רייזע מיט איינעם פון די משפיעים און רבנים פון "השגחה פרטית". נאטורליך, דורכאויס אונזערע שמועסן, האבן מיר געהערט קלוגע ווערטער און אינטערעסאנטע מעשיות פון השגחה פרטית פון אים זעלבסט. צווישן די אלע זאכן, האט ער דערציילט די פאלגנדע מעשה:

איין יאר, פאר סוכות, האט ער באקומען אלס מתנה אן אתרוג א כליל המעלות, מיט א הערליכן פיטום, וואס איז געווען ווערד עטליכע טויזנט שקל. פארשטייט זיך אליין, אז זיין פרייד דערמיט און זיין זהירות דערויף זענען געווען גאר גרויס.

אבער, דורכאויס דעם יום טוב, ווען איינע פון זיינע קינדער האט גענומען דעם טייערן אתרוג מקיים צו זיין די מצוה פון יום טוב, האט זיך עס ארויסגעגליטשט פון די הענט און... אראפגעפאלן אויפן ערד!

דער משפיע האט ווייטער דערציילט, "נאטורליך":

ווי נאר איך בין צוריקגעקומען צו זיך פון דעם שאק, האב איך געפרעגט דאס קינד אויב דער פיטום איז נאך דא? עס איז דאך געווען אזא טייערער אתרוג! מיט שרעק האט ער געוויזן אויפן ערד, ווי צו זאגן: "דא איז עס, גלייך פאר דיר..."

"אה! דו האסט מיך בארואיגט!" האב איך אים געזאגט, "דער אתרוג איז דא, און דער פיטום איז אויך דא, די גאנצע פראבלעם איז נאר אז זיי זענען נישט באהאפטן? נו..."

דא ענדיגט זיך די פערזענליכע מעשה פון דעם משפיע.

אלס א צוהערער צו די מעשה, וואס איז אזוי רייך מיט אמונה און ביטחון אין השי"ת, האב איך - נאך מער פון די מעשה אליין, געהערט א לעבעדיגע, ליכטיגע לעקציע און א פערזענליכע ביישפיל וויאזוי דאס לעבן פון עמיצן וואס נעמט אריין אין זיך און "לעבט" מיט אמונה און השגחה פרטית, זעט אויס אין יעדער צייט און אין יעדער מצב. און וויאזוי זיי נעמען אויף און אקצעפטירן אפילו זאכן וואס זענען נישט אזוי גרינג אדער באקוועם, מיט אזא רואיגקייט און מנוחת הנפש.

**בברכה**

**שמעון איידעלמאן, פון חריש**

## דִי מִילֶעךְ הָאט אָפְּגֶעהִיטְן

**שְׂרוּלִיק סִירוֹטָה פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ דֶערְצֵיילְט:**

פַאר מַיין בְּרוּדֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַ בַּאלוֹינוּנְג אוֹיף עֶפֶּעס אַן אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג וָואס עֶר הָאט בַּאוִויזְן אוֹיסְצוּפִירְן, אוּן מַיין מַאמֶע, אִיבֶּערַאשְׁט פוּן זַיין הַצְלָחָה, הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט מִיט גֶעלְט זִיךְ צוּ קוֹיפְן אַ נַאשׁ.

אִין גֶעשֶׁעפְט אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע אוֹיסְוַואל פוּן נַאשׁ. מַיין בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ אַ וַוייל גֶעדְרֵייט צְוִוישְׁן דִי פָּאלִיצֶעס, אוּן זִיךְ גֶעקְוֶוענְקְלְט; וָואס וֶועט אִים זַיין גֶעשְׁמַאק? פוּן וָואס וֶועט עֶר הֲנָאָה הָאבְּן? וָואס פַּאסְט אַלְס בַּאלוֹינוּנְג?

אָהַ! פְּלוּצְלוּנְג אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן. טְשָׁאקָאלַאד! עֶר הָאט לִיבּ טְשָׁאקָאלַאד! עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שֶׁעלְף פוּן דִי טְשָׁאקָאלַאדְן, אוֹיפְגֶעזוּכְט אַ טַעַם וָואס עֶר גְלַייכְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶערוֹיף אַ סְטֶעמְפְּל פוּן אַ גוּטְן הֶכְשֵׁר אוּן אֲפִילוּ אַן אוֹיפְשְׁרִיפְט אַז עֶס אִיז מִילְכִיג.

נוּ: וָואס דַארְף מֶען מֶער? אַ טְשָׁאקָאלַאד, אִין אַ גוּטֶע פַיינֶע טַעַם, אוּן נָאךְ אַ מִילְכִיגֶע אוֹיךְ. נִישְׁטָא בֶּעסֶערְס.




עֶר וִויל צוּגֵיין צוּם פַארְקוֹיפֶער בַּאצָאלְן, הֶערְט עֶר אַ גֶעשְׁרַיי אוּנְטֶער זַיין רוּקְן: "אוֹי! דִי מִילֶעךְ!"

צִי אַן אַרְבֶּעטֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלַאפְּט אִין מִילֶעךְ, אָדֶער הָאט עֶמִיצֶער פַארְגֶעסְן דִי מִילֶעךְ וָואס עֶר הָאט נָארְוָואס גֶעקוֹיפְט אִין גֶעשֶׁעפְט, אָדֶער עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִילֶעךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן פְרִידְזְשִׁידֶער, אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן מַאכְט נִישְׁט קֵיין גְרוֹיסֶע חִילוּק.

וָואס אִיז יָא אִינְטֶערֶעסַאנְט אוּן וָואס כַאפְּט יָא אַ גְרוֹיסֶע חִילוּק אִיז, אַז אִין יֶענֶע מִינוּט הָאט מַיין בְּרוּדֶער גֶעמֵיינְט אַז דֶער אַרְבֶּעטֶער, מִיט זַיין רוּף, מֵיינְט אִים. אוּן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט דִי מִילֶעךְ?'

אוּן אִין דִי סֶעקוּנְדֶע הָאט אִים אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט אִין מֹחַ אַז: עֶר. אִיז. פְלֵיישִׁיג. אוּן טָאר נִישְׁט יֶעצְט קֵיין מִילְכִיגֶע טְשָׁאקָאלַאד!!!

דֶער פַארְקוֹיפֶער, מִיטְ'ן שְׁרַייעֶן מִילֶעךְ, הָאט נִישְׁט גֶעמֵיינְט מַיין בְּרוּדֶער. אָבֶּער דֶער גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועלְכֶער הָאט גֶעוָואלְט הִיטְן אַזַא אָפְּגֶעהִיטֶענֶער אִינְגֶל פוּן צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט מִילְכִיגְס נָאךְ פְלֵייש, הָאט צוּגֶעפִירְט דֶער פַארְקוֹיפֶער זָאל פּוּנְקְט אִין יֶענֶע סֶעקוּנְדֶע שְׁרַייעֶן מִילֶעךְ, אוּן אַזוֹי אַרוּם דֶערְמַאנְט מַיין בְּרוּדֶער אַז עֶר אִיז פְלֵיישִׁיג.

אַ דַאנְק בַּאשֶׁעפֶער..

## אוּנְטֶערְגֶעבְּרָאכְן מִיטְן בֶּענְקְל

**מוֹישִׁי פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**



יֶעדְן שַׁבָּת אוֹיף שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת גֵייעֶן מִיר צוּ אוּנְזֶער עֶלְטֶערֶע בַּאבֶּע.

גֶעוֶוענְלִיךְ הָאט מַיין בַּאבֶּע אַן עֶקְסְטֶערֶע בַּאקְוֶועמֶע בֶּענְקְל וואוּ דָארְט זֶעצְט מֶען אִיר אַוֶועק, אוּן פוּן דָארְט שֶׁעפְּט זִי נַחַת פוּן אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

פּוּנְקְט דִי וָואךְ, וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אַז דָאס מָאל הָאט מֶען אִיר גֶעזֶעצְט אוֹיף אַן אַנְדֶער בֶּענְקְל, אוּן אִיךְ... וֶועלְכֶער גְלוּסְט אֵייבִּיג נָאךְ דִי בַּאקְוֶועמֶע שְׁטוּל בִּין צוּגֶעלָאפְן אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט דֶערוֹיף. אָבֶּער אֵיידֶער אִיךְ הָאבּ עֶסְפִּיעֶט זִיךְ צוּ עֶנְדִיגְן אַרָאפְּזֶעצְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרָאפְן צֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן עֶרְד. "וָואס הָאט פַּאסִירְט?" אִיז מַיין מַאמֶע גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן. אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן. אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעטוּן אוֹיסֶערְן זִיךְ זֶעצְן אוּן... דָאס בֶּענְקְל הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן. פוּן מַיין קְלֵיין וָואג!

"וַאהַ!" מַיין מַאמֶע הָאט פַארְקְלַאפְּט אִירֶע הֶענְט פוּן אִיבֶּערַאשׁוּנְג. "אִיךְ וִויל נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס עֶס וָואלְט פּאַסִירְט וֶוען מֶען זֶעצְט דִי בַּאבֶּע אוֹיף דֶעם אוּן עֶס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ הִינְטֶער אִיר. דוּ הָאסְט זִיךְ נָאר גוּט צֶעקְלַאפְּט. אָבֶּער אִיר וָואלְט דִי קְלַאפּ גֶעקָאסְט פִיל מֶער וֵוייטָאגְן אוּן מֶעגְלִיךְ אוֹיךְ אַ שְׁפִּיטָאל."

אָבֶּער אוּנְזֶער טַאטֶע אִין הִימְל הָאט דָאס אַלֶעס פַארְמַיידְט מִיט הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית.

## אַ סֶעט בַּיים טִיר

**יַעֲנְקִי קְלַאר פוּן יְרוּשָׁלַיִם דֶערְצֵיילְט:**




וֶוער עֶס הָאט שׁוֹין גֶעפְּרַאוֶועט אַ בַּר מִצְוָה פוּן אַ בְּרוּדֶער וֵוייסְט אַז נָאךְ דִי בַּר מִצְוָה שְׁלֶעפְּט מֶען זִיךְ אַהֵיים מִיט סְפָרִים, דִי דְּרָשָׁה גֶעשַׁאנְקֶען, אוּן מֶען קוּקְט עֶס נַייגֶערִיג אִיבֶּער.

אוּן דֶערִיבֶּער, הָאבּ אִיךְ, אַלְס בְּרוּדֶער פוּן חֲתַן הַבַּר מִצְוָה, צוּגֶעהָאלְפְן אוֹיסְלֵייגְן דִי סְפָרִים. "אַ סֶעט מִשְׁנָה בְּרוּרָה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען," הָאט פְלוּצְלוּנְג מַיין בְּרוּדֶער אוֹיסְגֶערוּפְן. אוּן וַוייל עֶס אִיז אַ סֶעט וָואס עֶר דַארְף ווִיכְטִיג צוּם נוּצְן, הָאט אִים מַיין טַאטֶע צוּגֶעזָאגְט צוּ קוֹיפְן מָארְגְן.

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס נָאךְ אֵיידֶער מַיין טַאטֶע אִיז אַרָאפּ אִין סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט הָאט אָנְגֶעקְלַאפְּט אַ שָׁכֵן. אוּן... יָא! גֶעבְּרֶענְגְט אַ דְּרָשָׁה גֶעשַׁאנְק פַאר מַיין בְּרוּדֶער. אִיר שְׁטֶעלְט זִיךְ שׁוֹין פָאר וָואס? אַ סֶעט מִשְׁנָה בְּרוּרָה!

**טֵייעֶר קִינְד! הָאט אִיר אַ מַעֲשֶׂה פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית?**

**רוּפְט אַרֵיין צוּ קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140** דְּרִיקְט 0/4 אוּן פַארְצֵייל דַיין מַעֲשֶׂה.

אוּן נֶעמְט אַ חֵלֶק צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**הודעות ווינקל**

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער!

גָאר אַסַאךְ שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת קֶען מֶען הֶערְן,

**אִין קַו הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית פַאר קִינְדֶער:**

**1-518-613-0140 דְּרִיקְט 0/2**

# אִין דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ ש. כ. פוּן בְּנֵי בְּרַק.

פרק 1 פון 4



## ווי וואוינט איר?

אין בארא פארק.

## וואו פארשפרייט איר עס?

דער אמת איז אזוי, איך האב עס אנגעפאנגען אין מיין שול, און מיט צוויי שכנים. למעשה, איינער פון די שול האבן זיינע קינדער מורא'דיג הנאה געהאט, האב איך אים איבערגערעדט, פארוואס זאלסטו נישט אליין זיין א מפיץ? דו נעמסט עס, דו פארציילסט עס פאר דיין ווייב און קינדער שבת, מאך עס אליין. למעשה איז ער טאקע געגאנגען אליין. איז איך טייל עס ארום פאר מיינע שכנים. איך האב פופצן שכנים, דערווייל האב איך נאר צען צעטעלעך, איך טייל נאר אויס אכט, ניין.

איך ארבעט אויף נאך א שכן יעצט...

ס'טאקע אזוי, דער שכן האט עפעס איין וואך נישט באקומען, ער איז ממש געקומען ווייגען בדמעות שליש... דו ווייסט וואס פאר א פידבעק דאס איז? איך בין פשוט איין וואך אוועקגעפארן, איך האב נישט געטיילט, איך האב נאר געטיילט די נעקסטע וואך ביידע. אלע שכנים האבן געזאגט פאר די קינדער אז מ'האט שוין געווארט דערויף!

## און וואס האט אייך גערברענגט פון די ערשטע מינוט צו ווען פארשפרייטן דעם גליון?

דער אמת איז אזוי, איך הער שוין די קו השגחה פרטית יארן, אסאך יארן, אבער דאן איז הרב שאפער דא געווען, איך האב מיר געטראפן מיט אים, בקיצור, מ'האט גערעדט, פארוואס איז נישטא קיין גליון דא. ער האט מיר מסביר געווען וויאזוי ס'ארבעט. אז מ'קען זיין א מזכה את הרבים און האבן די כח פון ר' שלמה'קע, וואס איז שייך מער פון דעם? הלואי זאל איך קענען שוין מער.

איך בין געווען אוועקגעפארן צו די מקומות הקדושים מיט די רביצין, מיט די משפחה. איך געדענק נישט פונקט, מ'האט אוועקגעשטעלט די נסיעה, פאר'ן אוועקפארן האט מען געזאגט אין שטוב אז איך זאל זאגן פאר מיין גאנצע משפחה, מיין ברודער, מיין טאטע, אזא שטיקל קבוצה, נאכדעם אזויפיל ליינען השגחה פרטית, אז מ'זאל עס איבערגעבן פאר מ'פארט אוועק, אז יעדער זאל וויסן אז מ'האט געטון וואס מ'האט געדארפט, די השתדלות, אבער פון דא און ווייטער, "עַל פִּי ה' יַחֲנוּ" וכו'. וואס עס וועט זיין איז ווייל אזוי האט געדארפט זיין, און וואס מ'האט נישט געטון, אלעס, די השתדלות האט מען געמאכט, און פון דא און ווייטער...

מיין ברודער האט חתונה געהאט. מיר זענען געפארן קודם אין מקומות הקדושים, מיין טאטע האט געוואלט פארן. מיר זענען געפארן אפאר ברידערס און א פאר שוועסטערס, מיט טאטע-מאמע. מיר זענען געפארן אין אונגארן, פוילן. ס'איז א גרויסע אונטערנעמונג, מיר זענען נישט געפארן מיט אזא גרויסע קאמפאני, אונז האבן נישט די געלט. און מיר האבן געשתדל'ט, ווייסט, די עסן, די טרינקען, די שלאפן, די איינשטיין. האט די רביצין געזאגט - זי האט מיר געזאגט נעכטן, איך האב מיר דערמאנט יעצט אינמיטן רעדן -אז ווען מ'האט פארגעלייגט די מעשה פון די אינטערוויו וואס מ'האט געהאט פון די וואך, האט זי מיר געזאגט אז זי פילט אז מ'זאל אזוי פארן מיט די געדאנק פון "עַל פִּי ה' יַחֲנוּ וְעַל פִּי ה' יִסָּעוּ" דאס איז געקומען פון ליינען יעדע וואך די גליון, און פון רעדן פון דעם, און זיך חזר'ן אז מ'דארף טאקע מאכן די השתדלות, מ'דארף זיין א מענטש, אבער פון דא און ווייטער זאל דאס יעדער וויסן.

## ס'איז טאקע געווען עפעס א ספעציפישע עגמת נפש וואס עס איז נוגע געווען?

ניין, ברוך השם, אבער עס האט זיך געמאכט אז מ'איז נישט אנגעקומען ווי מ'האט געוואלט, מ'האט געוואלט אנקומען צו מער פלעצער, מ'וואלט געוואלט אנקומען צופרי, מ'איז אנגעקומען ביינאכט, אבער ס'איז טאקע אזוי געווען. איך האב געזען אין שטוב, ווען זי האט איינגעפאקט, אז אויף אלע צעטלעך וואס זי האט געהאט איז געשטאנען, "עַל פִּי ה' יַחֲנוּ וְעַל פִּי ה' יִסָּעוּ".

איינער איז אנגעקומען שפעטער, איינער האט געדארפט קומען פון ארץ ישראל, מ'האט געדארפטווארטן איינס און א האלב שעה פאר אים דארטן, ביז ער האט געטראפן די... ס'איז די גאנצע עסק. אבער ס'איז טאקע געווען, דער עולם האט באמת געפילט... די גאנצע צייט האט מען געהאט גע'חזר'ט די סלאגאן, "עַל פִּי ה' יַחֲנוּ וְעַל פִּי ה' יִסָּעוּ", מ'וועט אנקומען דא אז דער אייבערשטער וויל, אבער ס'מוז נישט זיין. און ס'איז געווען א מורא'דיג מורא'דיגע רואיגע נסיעה.

## עפעס א ספעציפישע שטארקע פידבעק וואס דו האסט אמאל געהערט פון די שכנים?

דער מענטש פון די שול וועמען איך האב עס געגעבן און ער האט עס איבערגעזאגט אינדערהיים, איז געווען מורא'דיג נתפעל, ממש ער פלעגט מיך קלינגען פרייטאג איך זאל עס ברענגען פריער ווייל ער וויל עס האבן פרייטאג צונאכטס. דאס וואס ער האט למעשה געמאכט אליין, איז געקומען בעיקר פון דעם, מ'האט געפילט אז ס'געבט אזא שטארקייט אין שטוב, אז ער האט מחליט געווען צו ווערן אליין א מפיץ.

## געוואלדיג! עפעס א מעסעדזש וואס דו קענסט איבערגעבן פאר אנדערע?

אז ווער ס'האט שכל כאפט די מצוה, און מ'לעבט, מ'טוישט זיך אליין, און בכלל, א מזכה את הרבים אין חטא בו, ווען א מענטש איז א משפיע, ווערט ער אליין אזוי, די מערסטע וואס ער איז משפיע איז אויף זיך אליין, ווי מער ער רעדט, די מערסטע גייט עס צו אים אליין, ער האט אנגעהויבן צו לעבן אן אנדערע לעבן בכלל, ס'איז נישט די זעלבע לעבן. דו ווייסט אז זאכן געשעען, און ס'געשעט נישט גארנישט ווי מ'זאגט... גארנישט גייט נישט אויף די וועלט וויאזוי מ'האט געוואלט. יעדע זאך און יעדע ריר איז עפעס אנדערע זאכן, און ס'ווענדט זיך וויאזוי מ'נעמט עס אויף. אז מ'לעבט דרך הטבע'דיג - נישט יעדער מענטש ווערט אויפגערעגט יעדעס מאל, אבער אז מ'לעבט מיט השגחה פרטית, ווייסט מען אלעס וואס איז דא, מ'טוט וואס מ'דארף, אבער וואס עס איז געשען, די תוצאות, האבן נישט קיין שייכות מיט מיר!

### אויב האט איר סיי וועלכע הערות

לאזט איבער א הודעה: 1-518-613-0140 דריקט 9/9 אדער שיקט א אימעיל צו די מערכת hashgachaprutis@gmail.com


לא איר קענט ווערן א משפיע!

מיט אייער השתתפות
פון $36 א חודש פאר'ן גליון
"השגחה פרטית"
וואס פארשפרייט
אמונה אויף אלע עקן וועלט.

↓

דער "משפיע" באקומט
צו זיך אינדערהיים
10 השגחה-פרטית
גליונות צו קענען
פארשפרייטן אמונה
צווישן אידן!

א באזונדערע שליח
וועט בעז"ה ארויפגיין
צום ציון פון
בעל
"חובות
הלבבות"
אין צפת,
און מתפלל זיין פאר אייך.

רבי שלומק'ה זוועהילער
האט געזאגט:
"אז מען טוט אין השגחה פרטית
זעט מען השגחה פרטית"

רופט יעצט און הייבט אן
משפיע זיין אמונה און בטחון
פאר אידישע קינדער!

רופט: 585-308-3293

בהמלצת רבנים קען מען צאלן מיט מעות מעשר


דאס האט נישט חשש שמות לגניזה מען דארף נזהר זיין בקדושת הגליון עס זאל נישט צוקומען צו קיין בזיון אזוי ווי מען איז זיך נוהג מיט תשמישי קדושה